# אייגנטום[1]

אינהאלט: היינריך היינעס „אטא טראָל“—פּעליעטאָנישע איינלייטונג.
א) אייגנטום בא כייעס. ב) אייגנטום בא מענטשן. ג) שלוס.—

ציִ איז אייגנטום — „מייַן און דייַן“, א קיניען, א כאַזאַקע און אנדערע זכוסים, וואָס מיר האָבן אף זאכן, — א מענטשלעכע זאכ?

אויב עס ליגט אייַך גרייט אף דער צונג א טשוועּ: פּארוואָס ניט, מעגט איר זי צוריק אריַינשלינגען, וויַיל פון אייַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס. עס איז ניט אזוי זיכער, ווי איר מיינט. יעדע זאכ האָט צוויי זייַטן!

„האָבן“ איז א גוטע זאכ; פון האָבן — זאָגט דער אוילעם — טוט דער קאָפּ ניט וויי; דאָס איז דער אָדלער פון דער מאטבייע; זי האָט אָבער א „רעשקע“ אויכ! האָבן קען מען נאָר דעמלט, ווען אנ אנדערנ פעלט. אף דעם, וואָס אַלע האָבן, ווי צ. ב., אף לופט, זוכט קיינער קיינ פּראווע ניט! אז איכ האָב, הייסט, אז יענער האָט ניט! אז איינ אוישער האָט געלט, הייסט, אז ארום אים זייַנען פאראנען אָרעמע לייַט, וואָס האָבן גאָר-נישט, אָדער ווייניקער פאר אים. איז איינער א באלעבאָס פון א הויז, אינ וועלכנ עס איז דאָ מער אַלס זייַנ אייגענע דירע, מוזנ זייַנ אנדערע, וואָס צאָלנ אים דירע-געלט און נאָכ אנדערע, וואָס האָבן קיינ דירע-געלט נישט צו צאָלנ און וויסנ נישט, ווו די קאָפּ אנידערצולייגנ. אז איינער האָט א גוט — א גרויס שטיק פעלד, וואָס ער אליינ קאָנ ניט באארבעטנ, מוזנ זייַנ אזוינע, וואָס האָבן צו ווייניק, אָדער גאָר קיינ פעלד נישט, און זייַנענ בא אים, באם פּאָרעצ, „פּאראָבקעס“.

צווישנ „האָבנ“ און „ניט האָבנ“ איז ווייַט. דער, וואָס האָט נישט, צאָלט פּראָצענט, פארקויפט זייַנ ארבעט, פארקויפט זייַנ צייַט, זייַנווילנ, זייַנ גאנצ לעבנ. און—ער איז נאָכ גליקלעכער פאר אסאכ אנדערע, וואָס האָבן נישט קיינ קרעדיט, נישט קיינ קוינע אף זייערע הענט און קיינ באַלנ אף זייער צייַט און ווילנ.

פאר די ערשטע זייַנען פאראנענ: לאָמבארדנ, פאבריקנ און אנדערע ארבעט-פּלעצ; פאר די אנדערע — שפּיטעלער, נאָטשלעגעס, ארבעט-הייַזער און טיילמאָל איז פּאר זיי גאָרנישט פאראנענ...

---

היינריך היינעס בער „אטא טראָל“*) מיינט, אז אייגנטום איז טאקע נאָר א מענטשלעכע זאכ! ער רעדט, ווי עס פּאסט פאר א באַשעטנ בער, מיט א פערזנמאָס, און זאָגט:

„אָ, דאָס אייגנטום! כאַזאָקע
אף א ליגנ, א געניייווע!
אזא שעקער, אזא שווינדל
קאָנ איַיסטראכטנ נאָר א מענטש!

קיינ שום קיניגן האָט באשאפנ
די נאטור, וויַיל גאָר אָנ טאשנ
אינ די פעלצנ קומענ אַלע,
אלע ברואִים אף דער וועלט!

פון דער מאמעס בויכ קומט קיינער
ניט ארויס מיט אָנגעגרייטע
זעקלעכ אינ דער פעל פון אויבנ,
די געניייוועס צו באהאלטנ!

נאָר דער מענטש: די גלאטע בריִע,
וואָס באקליידט זיכ מיט דער פרעמדער
וואָל, דער קינסטלער איז געפאַלנ
אף דער קעשענע-האמצאָע!

אכ, די טאש! ווי אומנאטירלעכ
איז זי, גלייַכ מיט דער כאַזאָקע,
מיטנ אייגנטום! גאנאָווימ
זייַט איר, קעשענע-גאנאָווים!

---

[1] געקירצט (רעד.).

[2] אינעם פּאָעמאט, וואָס הייסט נאָכנ בער: „אטא טראָל“.



11—349

אונדזער בער — אלקיינ — זעט נאָר די רעשקע אליינ! זאָלנ מיר גלייבנ דעם בער אפנ וואָרט? עס וואָלט פונ אונדזער זײַט קיינ כאָכמע נ י ש ט געווענ!

ערשטנס — אז מע האלט שוינ בא גלייבנ, דארפ מענ ניט דעם בער; דער „לוי סיג־נויזו" [„לא תגנוב"] שטייט אינ אָרנקוידעש!

צווייטנס, איז אטא טראָל א לוי האָיאָ וועלוי ניוורא! (1) דער בער איז א פּאָעטישע זאַכ, אונ איז אדויס מיט ווידל, נעגל אונ פערזנמאָס פונ היינדיכ היציקנ מויעכ...

אונ דריטנס — אטא טראָל איז אונדזערס א סוינע!

די 5 סטראָפנ, וואָס מיר האָבנ דאָ איבערגעזעצט, זײַנענ אויסגעשמירט מיט בערנ־גאל, דורכגעברענט מיט סינע! אונ עס איז קיינ וווּנדער נישט; ער האָט אונדז זײַנ גאנצ אומגליק צו פארדאנקענ!

אטא טראָל, א טונקעלער ברוינער בער, איז אמאָל גליקלעכ געווענ: ער האָט רויִק (פרעגט די שאָפּ אוכעדוימע) אונ צופרידנ געלעבט אינ א טאָל *), אינ א הייל פונ א פעלדזנ, ארומגערינגלט מיט א וואלד פונ טענענביימער, מיט „מומא", זײַנ הייס געליבט ווײַב, מיט פיר זינ אונ צוויי טעכטער... זײַנ גליק האָט אָבער ניט לאנג געדויערט, עס איז געקומענ א יעגער — א „נמרוד", אונ האָט אים ארויסגעשלעפּט מיט מומא פונ דער הייל, אונ געפירט אפנ מארק ארויס טאנצנ. אטא טראָל טאנצט מיטנ ווײַב אונ שטעלט דערנאָכ אויס די לאפּע, אונ בעטלט פארנ בערנטרײַבער. מיר ווייסנ, אז ניט איינ הונגעריקער מענטש וואָלט זיכ מיט אים געטוישט, אז נישט איינער וואָלט זיכ גערנ פארשטעלט פאר א בער אונ געבעטלט אונ געטאנצט. נאָר אטא טראָל איז אנדערש געווינט, אנדערש ערצויגנ... ער קאָנ נישט פארגעסנ דעם פרײַענ וואלד, דאָס פרישע בלוט אונ דאָס שעפּסנ־פלייש, וואָס האָט אים אזוי גוט געשמעקט! ער אנטלויפט! ער אנטלויפט — נאָר אָנ דער מומא...

רירנד איז, ווי ער בענקט צו זײַנ מומא:

„מומא, מומא, שווארצע פערל,
וואָס איכ האָב פונ יאם פונ לעבנ
קוים ארויסגעפישט, אינ זעלבנ
יאם האָב איכ זי צ׳ריק פארלוירנ!"

צי וועט ער זי נאָכאמאָל זענ? עפּשער — טראכט ער — אפנ אוילעם עמעס! נאָר דאָס איז נאָכ ווייניק טרייסט:

„אָכ, נאָכ פריִער וואָלט איכ גערנ
כאָטש איינ־אײנציק מאָל געלעקט נאָכ
מומאס שנויצע **), די באשמעקטע,
האָניק זיסע, מומאס שנויצע!"

נאָר מומא טאנצט ווײַטער אונ בעטלט אינ גאס, אונ דער בער גיסט אויס זײַנ הארצ ניט אפנ בערנטרײַבער אליינ, נאָר אפּ אלע צווייפיסיקע ברוים, אפּ דער גאנצער מענטש־הײַט! ער ווינטשט אונדז אלע טויט אונ גענעם; מיר זײַנענ אינ זײַנע אויגנ די געפּער־לעכסטע אריסטאָקראטנ, וואָס קוקנ שטאָלצ אונ פרעכ פונ דער הייכ אראָפּ אפּ אלע ברוים.

וואָס טוענ אלעס ניט די מענטשנ!

„רויבנ ווײַבער אונדז אונ קינדער,
בינדנ, מוטשענ אונדז אונ טויטנ,
צו פארשאכערנ די הויט,
צו פארקויפנ אונדזער פלייש!"

קלאָגט זיכ דער בער:

„אונ זיי מיינענ, אז זיי האָבנ
נאָכ א רעכט אפּ די רעציכעס,
אונ דעריקער קעגנ בערנ,
„מענטשנ־רעכט" הייסט עס בא זיי!"

א, דאָ איז שוינ די גאנצע אָל ארויס פונ זאק!
אזוי רעדט נאָר סינע אונ נעקאָמע! —

---

אונ בעעמעס איז דער בער א ליגנער.

ערשטנס, איז גאָרניט אזוי ריכטיק, וואָס ער זאָגט, אז די נאטור האָט קיינ טאשנ ניט באשאפנ! דאָס קעמל, לעמאָשל, האָט קעשענעס אינ מאָגנ, אינ וועלכע ער באהאלט

1) זע פארטײַטשונגענ אונ דערקלערונגענ (רעד.).
2) היינע באזעצט אים אינ ראנצעוואל אינ היספּאניע.
3) פּיסק, רילאָ.

זיך א פּאָרציע וואסער, צו לעשן דעם דאָרשט, און — אין דער וויסטע, ווו דאָס קעמל לעבט, איז וואסער ניט קיין קלייניקייט! ניט איינמאָל באצאָלט דאָס קעמל מיטן לעבן פארן באהאלטענעם ביסל וואסער; וואָרעם עס טרעפט גאנץ אָפט, אז דער אראבער, דער באלעבאָס זיינער, פארברענט פון דער זון אין מידבער, שנײַדט אים אוף דעם בויך צו דערהאלטן זיך דאָס לעבן מיטן ביסל וואסער!

טייל אפּן [מאלפּעס], ווײַטער, האָבן באקן־טאשן — אזוינע טאָרבעס, אין וועלכע זיי באהאלטן זיך עסנווארג און שפּילצײַג.

טייל שלאנגען האָבן אזוינע מאָגנס, וואָס זײַנען גאנצע קרעדענצן; א באָא, לעמאָשל, שלינגט אײַן א גאנצן מענטשן מיט די קנאפּל צוזאמען און פארדייט אים דערנאָך בעמעשעכ א גאנצן כוידעש!

אויסער דעם זײַנען דאָ אסאך מינים זעקל־כײַעס (אף לאטײַן: מאָרסופּיאליא), וואָס הייסן אזוי, ווײַל זייערע נעקייוועס האָבן אין לײַב אזוינע לעדערנע זעקעלעך, אין וועלכע זיי טראָגן דאָס קליינוואַרג מיט זיך. זאָל זיך בא זיי טרעפן אין א געוויסע צײַט אסאך אקאָרעס, און צווישן זיי איז איינע כאָטש א קלוגע, וועט זי שוין סייכל האָבן עפּעס צו גאנווענען און אין זעקל צו באהאלטן! דערנאָך וועט זיך שוין איינע לערנען בא דער צווייטער, און א קאפּאָרע די קינדער! אבי עס זאָל עפּעס זײַן אין זעקל! הαלעווײַ זאָל איך זײַן א פאלשער נאָווי!

---

נאָר ניט אין די טאשן גייט עס, דאָס אייגנטום טרעפן מיר בא די כײַעס גלײַך ווי בא די מענטשן. עמעס, זיי האָבן קיין מיליטער און קיין פּאָליציי דאָס אייגנטום צו שיצן; קיין ריכטער, קיין פּראָקוראָרן און קיין קרימינאלן פאר גאנאָווים, און אויך קיין שולכן־אָרוכס אָדער קאָדעקסן, מע זאָל זיך וועגן אייגנטום מעפּאלפּל זײַן, מיקלוימערשט זוכן א יוישער... נאָר א באגריף פון „מײַן און דײַן" עקזיסטירט בא זיי שוין לאנג[1].

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אויב עס איז דאָ דער „אָדלער", מוז זײַן די „רעשקע" אויך! און עס איז אזוי! ניש[ט] נאָר אייגנטום איז דאָ בא כײַעס אובעהיימעס; מיר טרעפן שוין אפילע גנייווע און גזיילע! בינען און אמײַזן [מורעשקעס] האלטן ערלעך זייער קאָהאָלש אייגנטום, נאָר פרעמדס באראבעווען און באגאנווענען זיי מיטן גרעסטן פארגעניגן! טייל מינים אמײַזן פארברענגען דאָס גאנצע לעבן אין מילכאָמעס און זייער איינציקער צוועק איז צו ראבעווען! בינען פירן, אייגנטלעך, נאָר פּאָליטישע מילכאָמעס, געוויינלעך, גיים עס וועגן א קעניגן, נאָר פאר דאָס זײַנען זיי גרויסע גאנאָוים, און אין א נויט באפאלן זיי און פלינדערן [ראבעווען] אויך. דעריבער אויך שטייען פאר יעדן בינען־שטאָק שאָמרים פאר גאנאָווים, און זיי יאָגן און הארגענען זיי, אז מע ברענגט זיי ארויס פון געדולד! קראָען גאזלענען בא אנדערע פייגל גאָר אָן יוישער, אָן ראכמאָנעס. זיי באפאלן די גראציעס, ראבעווען צו די קליינע און גיבן זיי זייערע קינדער אופצועסן.

הינט — רײַסן איינער פון צווייטן א ביין פון מויל ארויס... נאָר דאָס וואָלט אונדז ווײַט פארפירט... גנייווע, גזיילע און רעציכע זײַנען צו פיל באקאנט, מיר זאָלן דארפן ברענגען רײַעס אף זיי.

מיר האָבן נאָר געוואָלט באווײַזן, אז דאָס אייגנטום האָט דער מענטש ניט אויסגעטראכט, אז באלעכײַים און פייגל ווייסן שוין דערפון, און עס בלײַבט אונדז נאָר צו באשעפטיקן זיך מיט דער געשיכטע פון אייגנטום בא מענטשן, צו זען — וויאזוי זי האָט זיך בא אונדז אנטוויקלט. און פון דעם וועלן מיר ווײַטער ריידן!

דר. שטיצער[2].

[געדרוקט אין „ליטעראטור און לעבן" 1894].

---

[1]) דאָ לאָזן מיר אדורך א ריי איליוסטראציעס־בײַשפּילן, וואָס פּערעץ ברענגט, ביכדיי צו דערווײַזן, אז אויך כײַעס ווייסן פון אייגנטום (רעד.).

[2]) י. ל. פּערעץ (רעד.).

# איינס דאָס אנדערע גענאַרט

— שענקט עפּעס אפ פּייסעך! — וועקט מיך א טרויעריקע אלטע שטימע פון דער ארבעט.

— גאווריעל?! — האָב איך אויסגעשריִען דערשראָקן און דערפילט, אז אין הארץ האָט א צופּ געטאָן פאר ווייטעק און דאָס גאנצע בלוט שטארט אין מיר פאר שרעק.

עס האָט קיינער קיין קאָנטראקט נישט מיטן מאזל! דאָס רעדל — זאָגט מען — דרייט זיך, היינט פון אויבן, מאָרגן פון אונטן. נאָר גאווריעל, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אפ דער פּראָווינץ אלס א באלעבאָס פון אן איינפאָר־הויז — פּראוודע, א געדונגענע, נאָר — אלס א ייִד מיט „שיין פּארנאָסע", אז גאווריעל זאָל ארומגיין פאר פּייסעך בעטלען, דאָס האָב איך מיך נישט געריכט... ווי קומט ער גאָר קיין ווארשע?

אין איין אויגנבליק שטעל איך פאָר: א סרייפע, א בילבל, א באנקראָט...

נאָר גאווריעל האָט קיין קרעדיט נישט באנוצט; „בילבולים" זיינען היינט אויס מאָדע און אסעקורירט — ווייס איך געוויס, איז ער געווען...

ער שטייט ווי דערשלאָגן... עס ציטערן אים די הענט, די באָרד, דאָס מויל... ער קאָן קיין וואָרט נישט ארויסרעדן. עס איז אים — בין איך זיכער — גאָרנישט איינגעפאלן מיך אין ווארשע צו טרעפן, ער בעטלט דאָ „אינקאָגניטאָ" (אומבאקאנט)...

און דאָס פּאָנעם! שטענדיק פול, רויט, פעסט — היינט איינגעפאלן, בלאס, אָן א טראָפּן בלוט... ער וואקלט זיך, ער וויל פאלן...

---

איך בין קוים דאָך צו מיר געקומען, איך בין צוגעלאָפן, אונטערגעשפּארט אים, אנידערגעזעצט, דערלאנגט אביסל וואסער...

און איך בין געוואָר געוואָרן, אז מיין גאווריעל האָט געטאָן א קליינינקייט — ער האָט דאָ אלץ פארקויפט, ארויס קיין ערעץ־ייִסראָעל — און איז צוריק געקומען נאקעט און בלויז. אין פּרייסן האָט ער אויסגעבעטלט אפ הויצאָעס קיין ווארשע, און אין ווארשע בעטלט ער צוזאמען אפ הויצאָעס אהיים, און ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך אהיים קומען אפ פּייסעך!

— אהיים! גלייך איך האָב אהיים? און וואָס וועל איך טון אינדערהיים?... שלאָכעט ער ווי א קליין קינד. — מיין ווייב ווייסט נאָך נישט פון די אלע צאָרעס... איך האָב איר שטענדיק פסודעס טויוועס געשריבן... פארן ארויספאָרן האָב איך איבערגעלאָזט עטלעכע פּאָסט־מארקן בא א באקאנטן, ער זאָל ווייטער שרייבן יעשועס... זי וועט מיך דערזען — וועט זי בלייבן, כאסוועשאָלעם, אפן אָרט...

נאָר נישט אין דעם גייט עס אים... זי וועט עס אויסהאלטן, זי האָט שוין, עפּשער, ערגערע צייטן געהאט... עס זיינען זיי 10 קינדער געשטאָרבן, און 4 אין איין וואָך, אפ איין אונטערגאנג... מיטן איינפאָר־הויז איז ער נישט געבוירן געוואָרן... ער וועט ווייטער גיין, צוריק ווי אמאָל, אפן דאָרף... ברויט מיט וואסער וועט זיין... מיט גאָטס הילף... די אויגן זיינען אים אביסל קאליע געוואָרן.. באגייט מען זיך אָן שארפע אויגן... און די בושע? מיילע! געבעטלט האָט ער פאָרט נאָר אין דער פרעמד. עס וועט אינדערהיים קיינער נישט וויסן... פאָרט האָט ער א וועלט געזען...

— נאָר די ליגנערס, די ליגנערס, — שפּרינגט ער אוף מיט קאס, — די ליגנערס, וואָס האָבן זיי געוואָלט פון מיר?

צי האָט אים געקאָנט איינפאלן, אז דער טערק — זיין לייבלעכער פעטער — וועט אים נישט אריינלאָזן, און האלב געלט וועט אוועקגיין אפ דורכשווארצן זיך? צי האָט ער געקאָנט וויסן, אז די אנדערע העלפט וועט צונעמען דער פרומער יערושאָלאיִם־פאטריאָט, אז דער פאקטער וועט אים איינהאנדלען א שטיק ערד לויטער שטיין און ביין? נאָר דאָס אלץ איז גאָרנישט... פאקטער בלייבט פאקטער, און קיינער האָט נישט געוווסט, אז דער טערק וועט נישט אריינלאָזן...

— נאָר די היגע, די היגע ליגנער, וואָס האָבן זיי געוואָלט? זיי האָבן דאָך דערפון קיין דרייער, קיין שמעק־טאבאק נישט געהאט?

---

און איך ווער געוואָר, אז מיין גאווריעלן האָט זיך אמאָל געטראָפן אן אייסעק

קײנ װארשע—א שאדכאָנעס. אונ זײַנ פינצטער מאזל האָט געוואָלט, ער זאָל אײַנשטײנ צוזאמענ מיט דרײַ יונגע מעכאבּרים... אײנער א שירים־שרײַבער, דער צווײטער— א מײַסע־ביכלעכ־מאכער אונ דער דריטער— אזוי א כאָכעם, א באל־אײצע...

אינ דער האסכאָלע האָט גאווריִעל פונ אוילעם געלאכט, „עט, סמארקאטע דײַטשלעכ".. װאָרעם טאקע: מעלאמדימ אונ שרײַבערלעכ שטײענ בא אימ אפ אײנ מאדרײגע, עס איז טאקע טוירע אונ לעהאוודל (דער לעהאוודל איז גאווריִעלס כאָכמע, נאָר יעדעס קערנדל טוירע אָדער כאָכמע שווימט ארומ אינ א שיסל באטלאָנעס... אלעמײַ א גאָענ קאָנ קײנ צוויי נישט צײלנ, קענ קײנ צורעס־מאטבײע בישט.

אויכ האָט ער זיכ געהאלטנ פונ זײ פונדערווײַטנס, אלס אנ עמעס פרומער ייִד... אזוינע דײַטשלעכ רעדנ אוואדע סאמע ניבלפע—עסנ אומגעוואשנ אונ מאכנ כויזעק אויס א ייִד מיטנ שולכנ־אָרוכ.

אונ ווי פארוואונדערט איז ער געוואָרנ צוקוקנדיק, אז דאָס זײַנענ גאָר אנדערע מאָדנע דײַטשלעכ... געוואשנ... געבענטשט... געגעסנ אינ די היטלענ... גערעדט פונ דער הײליקער טוירע אונ פונ ערעצ־ייִסראָעל.

ער האָט געמײנט, אז דאָס איז א קאָמעדיע; מע מאכט אימ צומ נאר... מע וויל אימ פירנ אינ באָד ארײַנ. ער זעט אָבער, אז עס איז ערנסט, די אויגנ פלאמענ, די נאָזלעכער צעשפרײטנ זיכ, אלעמאָל שפרינגט אנ אנדערער אופ אונ האלט א גאנצע דראָשע, אז ערעצ־ייִסראָעל איז אײביק, די טוירע איז אײביק אונ ייִסראָעל איז אויכ אײביק — אונ פלעכט דאָס אלצ אזוי בענימעס צוזאמענ — כאָטש נעמ דרוק אונ קוש דעמ אײַנבונד!

האָט זיכ טאקע מײַנ גאווריִעל אביסל צו זײ צוגעלאָזט...

ער האָט קײנ שלעכטס נישט געמײנט — ער האָט נאָר געוואָלט פונ זײ געוואָר ווערנ: ערשטנס, אביסל נײַס פונ פאָליטיק, צווײטנס — צי עס איז עמעס, וואָס מע זאָגט, אז בעקאמע מעקוימעס שלאָגט מענ ייִדנ, וואָרעמ טאקע — מאלע וואָס מע זאָגט, אונ דריטנס — אויב עס איז עמעס: ווער שלאָגט? אונ — מײַטאמע? פאר וואָס קומט צו שלאָגנ?

---

קײנ פאָליטיש נײַס האָבנ זײ אלײנ אָבער אויכ נישט געוווסט, נאָר אפ די אנדערע שײַלעס האָט ער דרײַערלײ טשורוועס באקומענ. דער כאָכעם, דער באל־אײצע האָט עפעס גערעדט וועגנ א בוימ, וואָס די וואָרצלענ מוזנ זײַנ אינ דער ערד אונ אז קוימ רײַסט מענ זײ ארויס פונ דער ערד, הײבט ער אָנ דארנ... אז ייִסראָעל קענ זײַנ א בוימ, האָט גאווריִעל זײער גוט פארשטאנענ; וואָרעמ אינ מעדרעש איז ייִסראָעל געגליכנ צו אלצ. ייִסראָעל איז א בוימ, ייִסראָעל איז וואסער, ייִסראָעל איז פײַער, ייִסראָעל איז א שטערנ, א זאמד, א שטויב — אלצ אינ דער וועלט קאָנ זײַנ ייִסראָעל, אפילע בוימל אונ עסיק — נאָר פארוואָס דעמ בוימ קומט צו שלאָגנ, האָט ער אלצ נישט פארשטאנענ, צי דערפאר, וואָס ער איז אויסגעוואָרצלט? אָדער מע דארפ ווארטנ ביז מאָשיעכ וועט קומענ, אניט, אויב עס איז א זינד, זאָל מענ גײנ אפ טיטוסעס קייווער אונ שלאָגנ, נאָכ וואָס האָט ער אויסגעריסנ דעמ בוימ? הא? דעמ יוישער פונ שלאָגנ האָט גאווריִעל בעיינ אויפנ ניט געקאָנט פארשטײנ, ביפראט, אז דער „פילאָסופ" האָט געהאט א שווער לאָשנ, גערעדט האָט ער נאָכ אביסל לאטײַניש: „איזמ"... איזמ... אונ נאָכ אמאָל איזמ... אונ דעריבער, כאָטש ער האָט אימ געהאלטנ בא בײדע קנעפ פונ קאפאָטע אונ געשאָקלט זיכ איבער אימ ווי א לולעוו, האָט גאווריִעל גאָרנישט פארשטאנענ. ער האָט נאָר געפילט אינעמ וויקלענ זיכ ווי א שלאנג, פארדרײענ ווי א קנויל אונ אינ די ווילדע טנועס מיטנ גאנצנ גופ, אז עס איז עפעס אנ איניענ, אפילע א טיפער איניענ, א שיטע, נאָר אינ קאָפ ארײַנ קריכט זי נישט!

עס האָט זיכ גענומענ צו אימ דער מײַסע־ביכלעכ־מאכער...

ער האָט אימ אָנגעהויבנ צו פארצײלנ א גאנצנ ראָמאנ... א פארליבעניש... אויס־

געמישט מיט א געוויין פון ראָכלס קיוועוער מיט דער לעוואָנע איבערן קויסל מאַראָווי („גלייַך דאָרט וואָלט אַן אַנדערע לעוואָנע געווען, אומשטיינס געזאָגט“).. דער לעוואָנען — קרעכצט ער — טריקנט אים אויס, צי ער ווערט פארשטיינערט; מייַן דייַגע — טראכט איך — אַז מאָשיעכ וועט קומען, וועלן אַפ טרוקענע ביימער אויך וואַקסן בולקעס! און וואָס טויג מיר א מ ײַ ס ע ?...

„איך בין א מענטש אין די יאָרן, אויסגעגעבענע קינדער“. —

און דער דריטער האָט'ן גענומען אין דער האַנט אַרייַן, דער גראַמען־מאַכער...

ער האָט אים ערשט אַפ קלאָר (כאָטש אין ריימען) געגעבן צו פארשטיין, אַז דער, וואָס שלאָגט, איז אונדזער גוטער פרייַנט, ער מיינט אונדזער טויווע... זייַנע אייגענע אויך, נאָר אונדזערע דעריקער.

די מייַסע איז אַזוי, די אומעס האָווילעם ווילן טאַקע, די יידן זאָלן גיין קיין ערעץ־ייִסראָעל... וואָס איז דאָ פאַר א ווונדער? אַלעמיַי קוירעש [1]) האָט געוואָלט? און אַז ער וויל מע זאָל גיין, וואַרפט ער טאַקע שטיינער! אַיַי קוירעש האָט געוואָלט און נישט געוואָרפן, איז עס דאָך טאַקע קוירעש געווען... און א וועהאָרייַע, אַז מע מיינט נאָר דאָס, צי האָט מען בראָדסקין געוואָרפן א שטיין? כאַסוועשאָלעם! נאָר באַ קאַפּצאָנים די פענצטער אויסגעהאַקט! און וואָס האָט מען צו קאַפּצאָנים?

פון בראָדסקין האָט גאַווריעל געהערט. ער ווייסט, אַז דאָס איז דער קיעווער מיילעך פון צוקער און אַז א שאַדכן האָט באַ אים פאַרדינט 10 טויזנט רובל שאַדכאָנעס... מיילע, אַזאַ בראָדסקין קען מען טאַקע מעקאַנע זייַן און אַמאָל מעכאַבעד זייַן מיט א שטיינדל... אָבער קאַפּצאָנים? וואָס?

די דייַטשלעכ הייבן אָן צו האָבן רעכט!

באַ די ווערטער זייַנען מיר שוין געווען אינדערהיים. איך נעם אַרויס פון ביכער־שראַנק דעם „וועקער“ [2]) און דעקלאַמיר:

„איוואַן כאַסקעלעוויטש, נאָר דיך וויל איך פרעגן!
איך פרעג דיך מיט גוטן! דו סוואָלאָטש! טליש!
פון דער היים האָסטו געבראַכט דייַן פאַרטעגן?
איוואַן ווילסטו הייבן, — בען ייִשיַי, בען קיש?“

— וואָס, געדרוקט איז עס, געדרוקט? — וווּנדערט זיך גאַווריעל.

— אַוואַדע, — זאָג איך און דעקלאַמיר ווייַטער:

„האָסט דאָך אויך א לאַנד, דאַכט זיך, פּאַלעסטינע.
צי איז דיר צו היים דאָרט אינעם קנאַן?
וואָס, דו ווילסט דיך קילן דאָ אין מייַן מעדינע?
אינעם קאַלטן קורסק צי אין אַסטראַכאַן?“

— טאַקע, טאַקע, אָט דאָס איז עס, — מאַכט גאַווריעל. עס גלאַנצן אים חייַטער די אויגן; די גראַמען געפעלן אים צינד אויך, כאָטש זיי האָבן אים אַזויפיל געקאָסט.

איך דעקלאַמיר ווייַטער:

„אַפ גאָרבן פון קאַמעלן האָסטו דאָך געריטן,
און שפּעלעכ האָסטו געפּאַסעט באַם פּראָס [3])..
וואָס דאַרפסטו דיך לייגן דאָ אין מייַן שליטן
און אַפ מייַן לאָשן צו זינגען: „מאָראָז“?!“

— יאָ, יאָ, מאָראָז! אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט... נאָר וואָס איז אַזוינס מאָראָז?

נאָר איך דעקלאַמיר ווייַטער:

„בוימל, מאַראַנצן, פייַגן און מאַנדלען —
קאַרגע פּראָדוקטן געפינט זיך באַ דיר?
ווילסטו פּאָדראַדן, האָכערן, האַנדלען,
קוּמסטו, מאַשעניק, שענקען באַ מיר?“

אָט דאָס האָט אַפ מייַן גאַווריעלן אַזאַ שטאַרקע פּולע געהאַט! פייַגן און מאַנדלען האָט ער ליב דאָס לעבן! בוימל און מאַראַנצן אויך... א סכוירע איז עס אויך נישט קיין שלעכטע! און ביפראַט, אַז אַנדערע פּראָדוקטן פעלן אויך נישט, קאָן מען שוין פּאַרנאָסע האָבן, און ביז מאָשיעכ וועט קומען, איידער עס וועלן גרייטע בולקעס וואַקסן, קאָן מען זיך ווי עס איז דורכשטופּן...

1) קוירעש — פּערסישער קיניג (רעד.).
2) ציִעניסטישער זאַמלבוך פון די 80-קער יאָרן (רעד.).
3) טייַך אין מעסאָפּאָטאַמיע (רעד.).

נאָר איכ לעז אימ ווײַטער:

„פֿונ פּאַלמע אונ צעדער האָסטו דאָרט וועלדער,
נאָר האַקנ ווילסטו בעריאָזע אונ דוב״...

אונ מײַנ גאַווריִעל האָט גוט פֿאַרשטאַנענ, אַז פּאַלמענ אונ צעדערנ זײַנענ אויכ האָלצ אונ מע קאָנ זיי צושטעלנ דעמ טערקישנ מיליטער, אַזוי ווי דאָ שטעלט מענ צו אינ דער ראָטע „בעריאָזע״ אונ „דוב״, אונ ער איז טאַקע בייז געוואָרנ אַפֿ אַלע ייִדנ, וואָס האָבנ זיכ דאַפֿקע צוגעטשעפּעט צו „דוב״ אונ בעריאָזע״.

„קאַרג האָסטו דאָרטנ אי לייבנ, אי טיגער?
צי זײַנענ די פּוטערלעכ פֿאַר דיר צו פּראָסט?
דאַרפֿסט א קאַמטשאַטקע? ווילסט זײַנ א היגער,
סיבירענעמ ביבער דאַרפֿסטו, פֿראַכוואָסט!״

באַמ לעצטנ וואָרט ציטערט גאַווריִעל נאָכ הײַנט... עס איז צו שטאַרק! דעמ גאַנצנ פּעלצ איז ער מויכל, נאַקעט אונ בלויז וואָלט ער געגאַנגענ, אַבי דאָס וואָרט זאָל ער ניט הערנ! עס דענערווירט אימ.

„דו ווילסט דיכ סליִיאַיענ? [1] אָ! כ'האָב פֿאַרגעסנ —
ווילסט מיר העלפֿנ טראָגנ א טשינ, א מונדיר —
איכ דאַרפֿ ניט קיינ שותּפֿ כאַזער צו עסנ
אונ א קאַמאַרינסקי טאַנצ איכ אָנ דיר!״

„כאַזער״ איז געווענ דאָס צווייטע נאָכ שטאַרקערע וואָרט פֿאַר גאַווריִעלנ...

אונ פֿונ אַלעמ צוזאַמענ איז אימ א ליכט אופֿגעגאַנגענ אינ די אויגנ...

ווי הייסט א ליכט! יענצ איז זײַנ, דאָ אינ פּרעמדס... דאָרט איז מאַנדלענ, מאַראַנצנ, פֿײַגנ אונ בוימל (פֿוטער פֿונ טיגער אונ לייבנ — איז ער מויכל) אונ דאָ א סאָלדאַטסקי מונדיר (פֿונ קיינ אַנדערנ כאָלעמט אימ נישט), ניזשני טשינ (פֿונ עפּאָלעטנ כאָלעמט זיכ אימ אַוואַדע נישט) אונ אַלצ איז אויסגעשמירט מיט כאַזער־שמאַלצ... אָ! א קעלט גייט אימ דורכ די ביינער...

אונ עס פֿרייט אימ, אַז „דער אוילעמ״ פֿאָרט; אַז „אַלע פֿאָרנ״; עס זאָל זיכ אויספֿירנ דער שידעכ, וואָלט ער אַליינ אויכ פֿאָרנ. ער האָט אַפֿילע קיינמאָל נישט געהאַלטנ פֿונ „סליִיאַיענ״, ער ווייסט אַפֿילע נישט רעכט, וואָס דאָס וואָרט באַטײַט, נאָר פֿאַרוואָס נישט פֿאָרנ? אונ א גאַנצ זאַכ (האָט זיכ אימ געדאַכט): דער שידעכ, וואָס האָט געהאַנגענ אַפֿ א שפּינוועבס, האָט זיכ דאַפֿקע אויסגעפֿירט... די מעכוטאָנימ האָבנ זיכ שוינ געהאַט צעשאָלטנ ביז אינ די אָוועס אַרײַנ — אונ גאַווריִעל האָט פֿאָרט געכאַפּט א הונדערטל! ער זעט בעכויש, אַז דאָס איז אַפֿ הויצאָעס קיינ ערעצ־ייִסראָעל... צינד קאָנ ער פֿאָרנ. אונ עס איז אַזוי ליכט: ער וועט זיכ נאָר אַריבערשוואַרצנ איבער דער גרענעצ, די דײַטשלעכ וועלנ נאָר א פּיפּיצ געבנ צומ בערלינער ראָוו... ווי א פּוטער וועט עס גיינ! איינ זאַכ נאָכ שטייט אימ אינ וועג... פֿונוואַנענ קומט עס צו די דײַטשלעכ, צו די באַטלאָנימ! פֿאַרוואָס איז ער אַליינ, גאַווריִעל, ביז אַהער נישט געפֿאַלנ אַפֿנ סייכל?

מיילע „ער יאַק ער״ (האָט ער געטראַכט) — נאָר, לעמאָשל, כאַיִמ־בינעמ, דער וועלט־כאָכעמ אַפֿ דער פּראָווינצ, גייט שוינ דרײַ יאָר אַרומ אָנ א געשעפֿט; יאָסל האַצקעס, וואָס מע האָט אימ די פּאַכט אויסגעדונגענ... א דײַגע אַזאַ וועלט מיט ליידיקגייער, מיט אָרעמעלײַט, מיט לופֿטשלינגער אונ סאַמע כאָכמע, סאַמע געמאָרע־קעפּלעכ, סאַמע דורכגעטריבענע יונגענ... פֿאַרוואָס איז זיי נישט אײַנגעפֿאַלנ אַריבערצוכאַפּנ זיכ קיינ ערעצ־ייִסראָעל, אונ נישט ווי מאַנעס דער שויכעט פֿאָטער צו ווערנ כיבעט־האַקייווער מיט גילגל מעכילעס [2], נאָר טאַקע צו מאַכנ זיכ א מיסכערל!.. וואָרעמ בעמעס — א קליינינקײַט האַנדלענ... בוימל... פּי! פּי! ביפּראַט, אַז מע קאָנ ביידע זאַכנ יויצע זײַנ!

נאָר דאָס האָבנ אימ די דײַטשלעכ גאָר ווויל פֿאַרענטפֿערט:

דער איניענ דערפֿונ איז, אַז וואָס פּאָשעטער אונ קלאָרער א זאַכ איז אַלפּי סייכל, פֿאַלט אַפֿ איר דער אוילעמ אַלצ ווייניקער... יעדער זוכט נאָר עפּעס טיפֿער אָדער אינ דער זײַט, וואָרעמ דאָס, וואָס איז געלעגנ פֿונויבנאָנ, אַפֿנ גלײַכנ וועג, האָט מענ אַוואַדע שוינ לאַנג אופֿגעהויבנ!..

אָבער בעמעס — ווי קאָנ זײַנ א פּאַשע־

[1] צונויפֿגיסנ, אַסימילירנ. — דאָס דאָזיקע וואָרט איז געווענ פּאָפּולער אינ די ליבעראַל־בורזשואַזע קרײַזנ פֿונ די 60—70־קער יאָרנ (רעד.).

[2] לויטנ זינ — פֿאָרנ קיינ פּאַלעסטינע שטאַרבנ (רעד.).

טערע זאַך, אַז דער „טאַטע זאָל צוריק נעמען די מאַמען״? אַז ייִדן זאָלן זיך ביסלעכווײַז איבערטראַגן קיין ערעץ־ייִס־ראָעל? וואָס קאָן זײַן פּאָשעטער, לײַכטער, געזינטער און גלײַכער?

נאָר, ווײַל עס איז גלײַך, טויג עס נישט; דער דײַטש וויל דאַפקע זיך „סלייִאַ־יען״, דער פרומער וואַרט אויף אַ מאָשי־עכן... נאָר ווי קומט דאָס צו מאָשיִעכן?

מאָשיִעך וועט טאַקע אויסלייזן פון גאָ־לעס, אָבער דערווײַל מעג מען דאָך זײַן באַם טערק אין גאָלעס? נישט גלײַכער צו וואַרטן אויפן אָרט?

ער האָט נאָר געפרעגט, צי זײַנען דאָרט קיין פּאָגראָמען נישט פאַראַנען.

— כאַסוועשאָלעם! — זײַנען אויפגעשפּרונ־גען אַלע דרײַ מאַסקילים מיט די הענט אויף די הערצער, — כאַסוועשאָלעם! אַזאַ נאָענ־טער קאָרעוו! אַ לײַבלעכער פעטער!

---

הײַנט ווייסט ער שוין דאָס קאָרוועס...

ער האָט געזען שויכעד נעמען ערגער ווי ווייס איך וואו, שמײַסן מיט נאַהײַקעס ווײַבער אויף די ברוסטן, ערגער ווי קיטײַ...

צוריקצוועגס האָט ער געהערט, אַז די טערקן האָבן דערווײַל אויסגעקוילעט מיט איין מאָל 6 — 8 טויזנט מענטשן — פּראַוודע, אַרמענער, נישט ייִדן!

נאָר אַן ערד, אַן ערד האָבן זיי עס אײַנגעהאַנדלט, ברעכט זיך גאַווריִעל די הענט און קרעכצט, — זאָל זיי גאָט נישט געדענקען!

---

נאָר דאָס אַלץ איז ער זיי מויכל... דער פאַקטער דאָרט... מײַלע, אַ פאַקטער! די דײַטשלעך האָבן אים אָנגערעדט — מאַלע — באַטלאָנים... אַ וועהאָרײַע — וואָס טויג זיי די פרומקײַט? זיי ווילן זיך אײַנקויפן אין דער כעוורע? אי! אָט האָבן זיי מיך גענאַרט... אָבער אַזוי, דערקענט מען זיי שוין אין דעם רײַעך האָפּע... האַקלאַל — באַטלאָנים, דײַטשערישע מעלאַמדים.

— נאָר פאַרוואָס (ציטערט זײַן קאָל פון קאַס) — פאַרוואָס, אַז איך בין צוריק געקומען, פאַרוואָס האָבן נאָך די אייגענע דרײַ גיבוירים אָפּגעלייקנט אַלץ שטיין און ביין? פאַרוואָס האָבן זיי מיר אין די אויגן געזאָגט, אַז זיי האָבן מיך נישט צו־גערעדט? אַז זיי האָבן שטענדיק געשריגן: זיצט אויף אַן אָרט... לויפט נישט... אַז זיי האָבן געמיינט דעם דריטן, דעם פערטן דאָר, נישט מיך?

— וואָס טויגן די ליגן? — קלאַפּט ער אין טיש אַרײַן פאַר צאָרן.

— און דו, גאַווריִעל, — פרעג איך אים, — האָסט עמעס געזאָגט?

— ווי הייסט? — שפּרינגט ער אויף, — זאָל מיר די צונג דאַרן...

— זיץ נאָר, זיץ, — באַרויִק איך אים. — די צאָרעס, וואָס דו דערציילסט, ווייס איך, זײַנען עמעס, נאָר דײַן ווײַב וואָס האָסטו געשריבן?

— אָ, איר? זי איז דאָך מײַן ווײַב... איך האָב געוואָלט...

— גוט, — האַק איך אים איבער, — דו האָסט געוואָלט איר גוטס... נאָר צי האָט זי אַליין, נאָר זי, דײַן ווײַב, געלעזן די בריוו, נישט גאַנץ קאָהאָל האַקוידעש? — גאַווריִעל לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— עס איז טאַקע דורך מײַנע בריוו נאָך איינער געקומען...

— און?

— און אַרויס בעשיין וועײַען [1]... ער בעטלט נאָך אין פּרײַסן.

— און פונוואַנען ווייסטו, אַז דו אַליין האָסט אַזוינע בריוו געשריבן?

— ווער זאָגט דען, — מאַכט גאַווריִעל, — אַלע האָבן אַזוי געטאָן...

— און אַלע האָבן געמאַכט נײַע עמי־גראַנטן?

— אַבי געזונט!

און פונוואַנען ווייסטו, אַז אונדזערע דײַטשלעך האָבן נישט געקריגן זייער היס־לאַוועס אויך נאָר פון אַזוינע בריוו?

— ווי הייסט? — עפנט גאַווריִעל אַ פּאָר אויגן, — זיי זײַנען **דאָרט** נישט געוועזן?

— ניין!

— וואָס דען?

— זיי האָבן געלעזן טאַקע נאָר אַזוינע בריוו צו ווײַבער און קאַלעס...

---

[1] לויכן זין — אַ צעבראָכענער, צערויִנירטער (רעד.).

גאווריעלן גייט ווײַטער אופֿ ווי א ליכטל אין די אויגן.

— אזוינע „מעכאבלים״ זײַנען זיי? אזוינע?

— וואָס דען? אויסער עטלעכע, וואָס האָבן, ווי יענער פאקטער, געהאט א גוטע פּארנאָסע דערפֿון, זײַנען די רעשט אליינ אויכ גענארט געוועזן...

— און פּארוואָס דען, — שפּרינגט ער אופֿ, — זײַנען זיי אליינ נישט געפּאָרן?..

— נאָכ אזוינע נאראָנים זאָלן זיי זײַן! עס איז זיכערער, אז יענער פּרוווט... נאָר גענארט האָבן זיכ אלע; און געקאָסט האָט עס אונדז אזויפֿיל געלט און בלוט נאָר דעריבער, וואָס קיינער האָט א לאנגע צײַט קיינ קויעכ נישט געהאט מוידע צו זײַן, אז מע האָט זיכ גענארט...

— און הײַנט?

— טייל נארט מענ זיכ נאָכ... אסאכ האָבן זיכ ליב צו נארנ... אסאכ זײַנען שוינ צו חײַט פּארקראָכן...

— נאָר ווער האָט עס אויסגעקלערט, ווער? — אינטערעסירט זיכ גאווריעל, — ווע־מען איז עס אײַנגעפאלן? א פּראָסטן ייִד אוואדע נישט...

— געוויס נישט... אײַנגעפאלן איז עס אזוינעם, וואָס וויל זיכ טאקע „סלייאיענ״... וואָס האָט גערעכנט, אז קוים וועט מענ פּאָטער ווערנ די פּראָסטע, אָרעמע מאסע, וועט ער מיט דער קליינער רעשט שוינ ניזולע ווערנ בעניםעס אובישטיקע [1]...

— און די רעשט — ווי געזאָגט — האָט איינס דאָס אנדערע און זיכ אליינ גענארט.

האיאָסעם מינעמיראָוו[2]

[געדרוקט אינ יאָנטעוו־בלעטל „קאָל כאמיראָ״].

## אויסגעשטאָרבנ

ווי א שטײַג איז פול מיט אויפֿעס,
און א מילגרוים פול מיט קערנ,
בינ איכ פול אידייענ, מײַסעס,
פֿילע פלאָנים, קענ איכ שווערנ.

מויל און אויערנ אופצושטעלן,
און צו בלאָזנ אפ די נעגל!
טייל טראגעדיעס, ווי דער כורבנ,
פול הארוגים — לויט דער רעגל.

הומאָרעסקנ און קאָמעדיעס,
וויצנ, פארסנ, פול עפעקטנ.
און דראמאטנ, און אידיליענ —
האָניק זיסלעכע קאָנפעקטנ!

אויכ ראָמאנטישע אידייענ,
קושנ, האלדזנ, גאָר אנ אויצער,
נעפל, שטראלנ, וואסער, פײַער —
אָ, קעכוימער בעיאד האיויצער

איז בא מיר אינ הענט די פעדער.
און עקספּראָמטע — ניט געקלערט;
און דאָס מאכ איכ אלצ אינ גראמענ!
מײַנ פעגאזעס איז א פערד,

וואָס באגייט זיכ גאָר אָנ האָבער,
און כאָטש ער איז באלאָדנ שווער,
שיט ער פונקענ ווי א קוזניע
פונ די פּאָדקאָוועס אפּער:

אינ מיליאָנענ שיט איכ גראמענ,
ווי א פיש אינ וואסער רויגנ!
וויל איכ — רוישנ זיי ווי גרעגער,
שרײַענ ווי די פײַלנבויגנ,

אָדער ווי שאמפּאניער־קאָרקעס!
וויל איכ — פליענ זיי ווי טויבנ,
באלטער פעדערנ! און קלינגענ
ווי פּאָגראָם־געהאקטע שויבנ. —

און זיי פליענ, יאָגנ, טרײַבנ,
שפּילנ, שפּריצנ און מוסירנ —
א פּאָעמא קענ איכ שרײַבנ,
זי זאָל שטיינער, פעלדזנ רירנ,

עס זאָל קלינגענ „גאנצ קרוינ פוילנ״ —
עס זאָל שאָקלענ זיכ די וועלט...
איכ האָב גראמענ און אידייענ,
לײדער, האָב איכ ניט קיינ העלד!

עפשער ווייסט איר, בניי ראכמאָנים,
וווּ איכ קריג א העלד א פײַנעם?
כ׳האָב געשריבנ אינ גאזעטנ
און איכ האָב געפרעגט בא שכיינים.

[1] אײַנגעשלונגענ ווערנ אינ דער שטיל (רעד.).
[2] י. ל. פּערעצ (רעד.).

כ'האָב געזוכט אין אלע גאסן,
איך האָב אלע לײַט פארהאלטן.
אײנער גיט א דריק די פלײצעס,
ווארפט א שארפן בליק א קאלטן!..

און דער צווייטער לאכט אין פּאָנעם.
„פוי", פארקרימט זיך נאָך א דריטער,

שיינע מעדכענ זיפצנ טרויריק,
שיינע פרויען לאכנ ביטער.—

נאָר גרײַז־גראָע זיי דערציילנ:
אז די וועלט איז הײַנט פארדאָרבנ...
א פעגירע איז געווענ,
זײַנענ אלע אויסגעשטאָרבנ!...

י. ל. פ.

[געדרוקט אינ „ארבעטער־צײַטונג" סאָפ 1894. איבערגעדרוקט אינ ווינטשעווסקיס „געזאמלטע ווערק" אויסג. „פרײַהײַט" 1927, ב. VII, ז. 199].

## זיי לעבן נאָך[1]

אלזאָ, ליבער, גוטער ברודער,
דו, וואָס האָסט אזא טאלאנט
אָנצומאכנ א געדודער
צווישנ ייִדנ אלערהאנט

מיט גלײַכווערטלעך, מיט געשיכטנ,
מיט א וויִץ, וואָס האָט א שפּיץ,
דו, וואָס דונערסט אין געדיכטנ
און באלײַכטעסט מיט דײַנ בליץ —

אונדזער כוישעך, און לאקאָניש
שילדערסט אונדז אזא געשטאלט
פון א ייִדעלע ווי „מאָניש"
און פרוי ליליסעס געוואלט —

דו באקלאָגסט זיך, אז פארדאָרבנ
איז לאכלוטנ הײַנט די וועלט,
אז ער איז שוינ אויסגעשטאָרבנ
גאָר אינגאנצנ יעדער העלד?!

ניינ, איך קענ בא זיך ניט פוילנ,
עס זאָל האלטנ אזוי שמאָל
אין דעם „קעניגרײַך פון פוילנ",
וו עס פלעגנ אָנ א צאָל

גרויסע העלדנ זיך געפינענ,
וועלכע האָבנ זייער בלוט
שטאָלצ געלאָזנ שפּריצנ, רינענ,
אונטער אלעקסאנדערס קנוט.

איז עס אָבער ווירקלעך ערגער,
ווי מיר וואָלטנ דאָ געגלויבט,
און דער גרויסער העלדנ־ווערגער
האָט אזוי ווײַט אײַך בארויבט,

אז אפילע אין דער דיכטונג
איז אין פוילנ ניט פאראנ,
אין קיינ מענטשלעך פרײַער ריכטונג,
אפ קיינ אויפנ ניט א מאנ,

וואָס זאָל קענענ פיגורירנ
אין פּאָעזיע אלס העלד —
דאנ, מײַנ ברודער, קום שפּאצירנ
אין די גרויסע, נײַע וועלט.

דאָ וועסטו געפינענ מאסנ
העלדנ צווישנ ארבעטס־לײַט,
וועלכע אָפּפערנ געלאסנ
לײַב און לעבנ אין דעם שטרײַט

מיט דעם באָס, דעם אונטערדריקער,
מיט דעם אומגעקרוינטנ צאר,
וועלכער שטרעבט צו ווערנ דיקער
דורך די הענט, וואָס בלײַבנ דאר.

אָ, דו דארפסט זיי נאָר באטראכטנ,
דיזע בראווע ארבעטס־לײַט,
ווי זיי קעמפנ אין די שלאכטנ,
האנט אין האנט, און זײַט־בא־זײַט.

אָנ געווער, אָנ גענעראלנ,
זייער אָפט אויך אָנ פּראָוויאנט,
פאר פרינציפּנ, אידעאלנ,
מיט די הוילע דארע האנט.

ווי זיי ווערנ גיך איינ גאנצער
גרויסער פאָלק, באררייט זיך צום קריג,
מיט דער פרײַהײַט פאר א פאנצער,
שרײַענדיק „טויט אָדער זיג".

---

[1]) מ. ווינטשעווסקיס ענטפער אפ פערעצעס ליד „אויסגעשטאָרבנ" (רעד.).

1) עפּפּעלבערגס אילוסטרירטער
קאלענדאר [illegible] תרנ"ו.
ווארשא 1895



## מײַנע לעזער.

װער װעט לעזען מײַנע ליעדער,
די ראָמאַנצען, פאַנטאַזיען?
אט, דער זעצער, דער קאָררעקטאָר
אונ קבצנים — ליטעראַטען!

אין סאַלאָנען, עלעגאַנטע,
מיט די שפּיגלען אונ פּאָרטרעטען,
מיט דיוואַנען, פּאָרטעפּיאַנען,
זשיראַנדאָלען אונ קינקעטען,

מיט די שוואַרץ־געפּראַקטע מאַננער,
אַלאַבּאַסטער ווייסע דאַמען —
קײנמאל װעלען דאָרט נישט קלינגען
מײַנע יודיש־פּראָסטע גראַמען.

אונ איך דאַרף זײ אויך נישט נײטיג, —
צו דעם רעדעל, צו דער שער,
צו דעם שמײַסער אויף דער קעלניע, —
װען דער װאַגען שלעפּט זיך שװער,

צו דעם קראנקען יונגעלס מוטער
מיט דער אויסגעדארטער ברוסט ———
צו דעם ציהט מיך ווי א מאגנעט,
נור עס ציהט מיך אלין אומזיסט!

ס'טרעפט א מאל אין אלטע באבע
שטאפּט א פּיענטע אויף א גלאז,
און פערשיטט מיר מיינע גראמען
מיט'ן טאביק פון דער נאז...

אויפ'ן טאביק קאפּיט חלב —
ס'גראשענדיג ליכטעל טריעפט...
אין דעם קלייזעל ביי דעם שמש,
נאך א ליכטיל צוגעשניעפּט

אויף מיין חשבון האט א קלויזניק;
ס'געהט א לאנגע ווינטער־נאכט,
און, אז צוועלפין שלאגט דער זייגער,
ווערט דאס „ספר" צוגעמאכט,

ר'קוקט זיך אום אין אלע זייטען —
לעער און פינסטער איז די קלויז;
דעמעלט ציהט ער מיינע ליעדער
פון דער חאלעווע ארויס;

שטעלט זיך צו צום אלטען אויבען
רייבט די פּלייצעס, און ער האקט
פון דער פּאדלאגע פון קלייזעל
מיט די פיס ארויס דען טאקט.

און געבייטעלט ווערט זיין פנים,
און פון ד'אויגען שפּריצט געפיהל ——
פלוצלינג קנייטשט ער אין דען שטערן:
— ס'איז דאך פּארט א פּורים־שפּיעל!

„אהן א דריידעל, אהן א שכל,
אהן א שפּיצעל" — ווערט ער בייז,
און איך ליג שוין צריק אין שטיוועל,
און עס נעמט מיך דורך דער שווייס!

אויף דער הארטער באנק דאך שפּעטער
שלאפט דער קלויזניק לאנג נישט איין,
ווייל עס פערשטעלט איהן און הונגערט ——
נור, דער חלום — דער איז מיין!

———

אט, עס וועקט דער מאי, דער גרינער
מיט'ן לוסטיג זיסען פייגעל
ס'קליינע שטאדטיל מיט'ן וואלדעל,
מיטען טייכעל, מיט די פייגעל...

און עס געהען אויף די הערצליך
ביי די שפּעטע הערר יונגען,
און זיי זעגען ווי פערחלומט,
און זיי וויסען נישט און זינגען.

נאכט! עס שיינט יהושע'ס פנים
מארנע טרויעריג און בלאס
פינ'ם שטילען זיסען הימעל...
ס'שטעהט שוין האלבער נאכט אין נאס

א פערחלומט לעזער־קראנצעל,
און מען זוכט דאס רעכטע ארט,
וואו עס שפּריצט דאס פרייע לעבען,
וואו עס גליהט דאס ווינדער־ווארט!

———

פינסטער ברודיג איז אין קאכיל
ימים־פּאמיעס אויסגעגאסען, —
אבגעריסען, אבגעשליסען,
און צושויבערט, און צופלאסקען,

און האלב נאקיט שטעהט די קאכין,
נישט געוואשען, נישט געקאמט,
ביי דער באליע נאהנט צום קוימען,
אינעם אויסגעבלאזען העמד,

הויט און ביין און קוים שתי שערות —
ס'פנים, גרין און אויסגעצויגען,
נור עס פלאמט שוין ווילד און גריליך
אין די גרויסע, גרויסע אויגען —

וואשט, און הייבט זיך אויף די נאגעל,
ביינט ארויס די דארע גליעדער
צו דעם קוימען, צו דער קאפּע,
דארטען ליגען מיינע ליעדער —

ברענענדיגע אויגען לעזען
און די דארע הענדליך שפּריצען ——
וואס עס שפּריצען אן די הענדליך
לעשען איהרע אויגען — בליצען!

י. ל. פּרץ.

אין „המגיד“ איז דער אָפּרוף וועגן בוך ניט געדרוקט געוואָרן, נאָר אין דעם „מגיד משנה“, און דער קריטיקער איז נישט דוד גאָרדאָן, נאָר ראובֿן בן אָשר ברוידעס.

עס איז באַוווּסט דינעזאָנס איבערגעגעבנקייט צו פּרצן, נאָר אַז ברוידעס האָט אים, אין זײַן צײַט, געדינט ווי דינעזאָן, און אין אַן איידעלערן למדן־וואָווישן זינען, איז נישט געווען באַקאַנט.

פֿון אַ פּאָסטסקריפּטום אין ברוידעסעס אַ העברעיִשן בריוו צו ליִנעצקין פֿון יאַנואַר 1876, [73] וואָס געפֿינט זיך אין דעם מענדעלע־מוזיי אין אָדעס, דערוויסן מיר זיך:

„ווען איך בין געווען אין וואַרשע, האָב איך אויפֿגעמונטערט ה׳ פּרצן (ער איז אַ ווונדערבאַרער יונגערמאַן, אַן אָנגענומענער דיכטער מיט אַ פֿילנדיק האַרץ און איז פֿון מײַנע פֿרײַנד), ער זאָל אָנשרײַבן אַ זאַך פֿאַר דער צײַטשריפֿט „ישראליק“. איך האָב אים אויפֿגעגעבן אַן אידעע, און ער האָט זי

---

(געבריִדער שולדבערג), 1892“, ווערט דאָס ליד באַטיטלט: מע זאָגט!... (נאָך י. ל. פּרץ) פֿון מ. פּערל, און ווי עס וועט מיר אויסקומען אין אַן אַנדער פּלאַץ צו דערווײַזן, איז דער מ. פּערל פּרצעס אייגענער פּסעוודאָנים. איך גיב דאָ איבער דעם טעקסט:

מע זאָגט, פֿאַלש איז שכל און חקירה,
און אויף אַ האָר הענגט דער פֿרײַער געדאַנק;
„חכמות“ וועלן חסידים שוין וויסן פֿון צפֿירה,
און ווײַטער אין „שטיבל“ קנײטשן די באַנק.

מע זאָגט, דערדריקט וועט „יודיל“ שוין שטענדיק ווערן
פֿון זײַן קרומען „צדיק“, „גבֿיר“ און „יחוס“,
און האַלף־ליכטאַרש וועט קיין מאָל אויפֿהערן
צו פֿרעסן, צו בײַסן און וויען בײַ „סליחות“.

מע זאָגט, צוליב אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט,
פּעטש ווי האָגל וועלן זיך אומעטום שיטן;
שיכורים... גבאים... נישט פֿאַרפֿעלן אין לאַנד
און שעפּסן זיך לאָזן שערן מיט גיטן.

און אויפֿן ברודער „ישראל“ הער איך מע זאָגט:
דער גאָרנישט וועט שוין צו גאָרנישט טויגן,
שטענדיק שוין זײַן געיאָגט און געפּלאָגט,
און קיין מאָל קענען אויפֿהויבן די אויגן.

מע זאָגט — נאָר דאָס זאָגט אַלץ חושך מיט שנאה...
מײַן האַרץ וויל פֿאַר זיי קיין מורא נישט האָבן,
אין גאָט פֿון אבֿרהם האָב איך בטחון, אמונה,
די אַלע פּיאַווקעס וועלן ווערן באַגראָבן.

און חושך מיט שנאה וועלן אויך גיין אַהין...
עס טרעט אָפּ די נאַכט, ווען אין מזרח טאָגט;
דאָ וועט מען זעען ווען עס וועט שײַנען די זון,
אַז אמת איז נישט אַלץ וואָס מע זאָגט. (ז׳ 101—102)

עפּפּעלבערגס יודישער קאַלענדאַר VI (תרנג)

ליזסקוס

י. ל. פרץ.

## ווי הייסט ער?

(א מעשה'לע)

איינמאל בין איך געגאנגען אין א וועג און האב עפּעס געזוכט און האב נישט געוואוסט וואס איך זוך. און געגאנגען בין איך דורך סעדער און גערטענער, פעלדער און וועלדער און האב גאר נישט געפונען. אז איך האב אבער געוואלט בלייבען א ווייל שטעהן אדער א רגע צוזעצען זיך און אבּרוהען, האט מיין הארץ אנגעהויבען שטארק צו קלאפּען און האב געשפּירט עפּעס א שרעק, וועלכען איך האב נישט גע

און איינמאל בין איך געגאנגען אין וואלד האט מיך בעגעגענט אנ'אלטער מאן, וואס ער איז געוועזען זעהר הויך און זיינע האר זענען געוועזען זעהר ווייס און זיינע אויגען האבען זעהר געפינקעלט, און איך האב געשפּירט, אז איך דארף עפּיס רעדען מיט דעם דאזיגען זקן, און אז ער וועט מיר עפּעס זאגען. בין איך צוגעגאנגען צו איהם און האב איהם געגעבען שלום עליכם, און איך האב געזעהן, אז איך גרייך אפילו נישט צו זיינע קניה, ער האט מיר צוריק געגעבען און געענטפערט עליכם שלום; און איך האב איהם געפרעגט: ווי אלט ביזטו? און ער האט מיר געענטפערט, אז ער איז געבוירען געווארען נאך עהדער די יאהרען, אז די יאהרען זענען נאך נישט



קאפּיע פון א אייל-בילד — די גליקליכע פאמיליע — י. סאלאמאן

קענט בעגרייפען, און איך האב גלייך דערפיהלט, אז מיר פעהלט דער עיקר פון מיין לעבען, פון מיין איך; אז כל זמן איך וועל איהם נישט האבען איז מיין לעבען נישט פול און מיין איך איז פערדונקעלט; אז איך בין א מאוסער בעל-מום, וואס האט גאר נישט געברויכט געבוירען צו ווערען; אז איך דארף געהן און זוכען, ביז איך וועל געפינען דאס, וואס מיר פעהלט, און אויב איך וועל אבּרוהען און שטיל בלייבען איין רגע קען חס ושלום פערלארען געהן דאס, וואס עס איז נויטיג פאר מיר און פאר דעם שורש פון מיין נשמה, אום עס זאל קענען בליהען אין בילדען צווייגען און בלעטער...

געוועזען, בשעת ער איז אפילו אלט געווארען. איך האב מיך מאדנע פערחדושט און איך האב איהם געפרעגט, אויב ער האט נאך ברעה צו לעבען א לאנגע צייט, און ער האט מיר געענטפערט, אז ער האט ברעה צו לעבען ביז נאך דער צייט און נאך מעהר.

„און פון וואנען ביזטו?"

ער האט א שמייכעל געטהון און האט מיר געענטפערט:

— פון דעם תהו ובהו, וואס פון איהם איז די וועלט בעשאפען געווארען.

„און וואהין?"

— צו דעם תהו ובהו, אין וועלכען די וועלט וועט צוריק מגולגל ווערען.

און איך האב איהם געזאגט, אז ער איז בלי ספק א גרויסער חכם, ווייל איך פערשטעה גאר נישט, וואס ער רעדט, און אזויערנאך איז זעהר מעגליך, אז ער ווייס, וואס איך זוך אזוינס. און ער האט געענטפערט, אז ער ווייס טאקי.

און איך האב איהם געפרעגט:

— וואס זוך איך אזוינס?

און ער האט מיר געענטפערט, אז דער נאמען פון דער זאך, וואס איך זוך איז פערבארגען, אז דער נאמען איז א שטענדיגער סוד, אבער איך דארף געהן און געפינען...

און איך האב איהם געפרעגט:

„אין וועלכען וועג?"

און ער האט געענטפערט: „אלע וועגען זענען גלייך, אבי דו זאלסט געהן".

און ער איז פון מיר פערשוואונדען...

און איך בין אוועק פון איהם ווייט — ווייט.

בין איך געגאנגען א סך טעג, ביז איך האב אין וועג בעגעגענט א קליין קינד, אזוי קליין, אז מען קען נישט משער זיין זיין קליינקייט. און דאס פנים פון קינד איז שטארק פערקרימט און ער איז זעהר מאוס. האב איך געוואלט אויסווייכען איהם און אוועק געהן פון איהם אבער ער האט מיך גערופען, און אז איך האב מיך נישט אבגערופען, איז ער נאך מיר נאכגעלאפען און מיך אנגעחאפט פאר דער פאלע און האט מיך געפרעגט: אויב איך דערקען איהם נישט. האב איך געענטפערט אז איך קען איהם נישט. האט ער געזאגט, אז ער איז דאס שרעטעלע פון די מעשה'ליך. האב איך איהם געזאגט, אז ער איז א ליגנער, אז דאס איז אונמעגליך, ווייל די שרעטעלעך פון די מעשה'לעך זענען שען, פריש און זיי ליעגען אין די רויזען-בעכער און זיי שפיעלען זיך אין די שטראהלען פון דער זון א. ד. ג. א. ד. ג.

האט דער קליינער געלאכט און האט געזאגט, אז די מעשה'לעך זענען אויסגעטראכטע, אז ער — ער איז דאס שרעטעלע*). דער צויבערער און דער-הויפט — אז נאר איהם זוך איך, אז איך דארף איהם גלייך נעמען, ווייל נאר איהם זוך איך...

— אבער דו ביזט דאך אזוי קרענקליך און פגירה'דיג.

און ער האט געענטפערט:

— ווי דען זאל איך פיר דיר מיך בעווייזען — איך בין דאך דער צ ע ר און דערפאר נאר זוכסטו מיך. — און ער האט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז אזוי איז דאס טאקי, אז דאס לעבען אליין איז נאר א תפל, און דער צער איז די זאלץ פון לעבען, אז דער צער איז דער געשמאק פון לעבען און זיין דופט, דאס ליעד פון לעבען און זיין מוזיק... אז דער עיקר איז דער צער און נאר ער האט מיר געפעהלט.

האב איך אנגעהויבען אביסעל צו גלויבען, פון דעסטוועגען האב איך פון איהם פערלאנגט עפעס א סימן, אז ס'איז אמת, האט ער מיר געזאגט:

— דו האסט דאך פריהער געזעהן מיין אלטען ברודער, וואס איז געבוירען געווארען נאך עהדער די צייט און וואס וועט לעבען נאך דער צייט, און ער האט דאך דיר געהייסען געהן ביז דו וועסט געפינען...

האב איך מיר שטארק פערוואונדערט, אז דאס דאזיגע קליין-יונגעל, דאס שרעטעלע, איז יענעם זקן'ס א ברודער. האב איך איהם געפרעגט, מיט וואס איז ער יונגער פון איהם און ווען וועט ער אלט ווערען, ווי ער. און ער האט מיר געענטפערט, אז יונגער איז ער פאר איהם דערפאר, ווייל ער איז געבוירען געווארען אין אנהויב מיט דער צייט און ער וועט נישט אלט ווערען ווי ער, ווייל ער וועט שטארבען גלייך מיט דער צייט.

האב איך איהם ווידער געפרעגט: פאר וואס האט זיין ברודער געזאגט, אז דער נאמען איז א אנ'אונענטפלעקטער סוד און ער האט אויסגעזאגט זיין נאמען?

האט ער געענטפערט, אז ער הייסט טאקי גאר נישט „צער", אז דער נאמען איז אין סוד-סודות בע-האלטען און פערבארגען פון אלעמען אין דער וועלט, נאר מענשען רופען איהם אזוי...

האב איך איהם גענומען — — — — — — — — — — — — — —

אברהם רייזען.

## אויפ'ן בוידעם.

**א בילד פון דער פאגראם-צייט.**

איינע פון די ערהאבענע זאכען, צו וואס לייזערעל, א זעקס-יעהריג יונגעלע, האט געשטרעבט, איז געוועזען דער בוידעם פון דעם איינשטאקיגען שטיבעל, וואו זיין טאטע-מאמע האבען געוואהנט. ווי א פאעט ציהט צו די וואלקענס, צו די שטערען, צו דער לבנה, אזוי האט לייזערלען געצויגען צום בוידעם. אבער פונקט ווי די וואלקענס, שטערען, לבנה זענען צו הויך און אונמעגליך צו דערגרייכען פאר דעם פאעט, אזוי איז צו הויך געוועזען און נישט דערגריי-כבאר פאר לייזער'לען דער בוידעם.

---

*) אין רוסישען טשלטשיק ספאלטשיק-רעד.

יאָהר-בוך פּראָגרעס רעד' אברהם רייזען (ווארשע, 1904)



# די פיער אֲבָנים־טוֹבוֹת.

(פאנטאזיע)

פון י. ל. פּרץ.

אמאל האָט מען אין הימעל אזוי אויסגערופען:

— לאָמיר בעשאַפען א יודישען דיכטער.

און די מלאכים האָבען זיך זעהר דערפרעהט און דער מלאך, וואָס איז געזעצט דעראיבער, איז פלינק געפלויגען צו׳ם אוצר הנשמות, האָט אויסגעקליבען א נשמהלע, האָט איהר געקושט און אזוי געזאָגט:

— איך האָב דיר עפּעס אנצוזאָגען! אויף גאָט׳ס בעפעהל כּוּזט דו אראָב אויף די ערד דאָרט צו א יודישען פּאָעט.

— איך בין גרייט — ענטפערט די נשמה — נאָר וואו נעמט מען די פּאָעזיע.

די פּאָעזיע איז ליכט און לעבען און דאָרט, זאָגט מען, לייכט די זונן נור ביי טאָג און ביי דער נאַכט פינקלען נאָר קליינע שטערענדליך... און דערצו טרעפט, אז די זונן און די שטערן פערשטעלען גרויסע וואָלקען און אויס!.. ווידער זאָגט מען, אז דאָס יאָהר טהיילט זיך דאָרט אין צייטען, אז דאָרט טרעפט הערבסט און ווינטער און דאָס זענען טרויעריגע צייטען: אָלעס וועלקט און שטאַרבט...

— שרעק דיך נישט — טרייסט דער מלאך דער פערטרויערטער נשמה — דו וועסט געהן נאָך מיר און מיר וועלען קומען צום אוצר פון טרויער, און דאָרט וועסט דו אויס קלויבען טרויער ווי פיעל די ווילסט, און פיר דיר וועט זיך עפענען א קוואל פיר פּאָעזיע...



און די נשמה, וואָס האָט נים פערשטאַנען די שפּראַך פון לעבען אויף דר׳ערד, וואָס דער מלאך האָט גערעדט, איז נאָך איהם נאָכ׳געגאַנגען.

---

און דער מלאך מיט דער נשמה זענען געקומען צום אוצר פון טרויער, און די נשמה האָט דערזעהן, אז דער אוצר איז איבערפול מיט אבנים טובות, מיט טייערע שטיינער. און די נשמה האָט זיך זעהר פערוואונדערט און האָט געפרעגט:

— אָט דאָס איז דער „טרויער“?

— יאָ, האָט דער מלאך געענטפערט, דער טרויער און דער צער איז פון אונטען, די אבנים־טובות זענען פון אויבען, און דו, ריינע נשמה, קוק זיך גוט איין אין די אבנים־טובות. קלויב אויס איינעם פון זיי, דריק איהם צו צו דיין הארצען און ער וועט דיר דיענען פיר א קוואל פון ליכט — פיר א קוואל פון פּאָעזיע אויף דיין גאַנצען לעבען, דאָרט אונטען אויף דער ערד!

און די נשמה האָט געענטפערט:

— צווישען די אַלע אבנים־טובות זעה איך גרויסע און טהייערע — נור דריי, ווי אזוי זאָל איך זיי אָבער נעמען, אז איך ווייס נים דעם ווערטה פון יעדען שטיין בעזונדער, וואָס געפעלט מיר אזוי?

און זי האָט אָנגעוויזען אויף די אַלע דריי שטיינער, און דער מלאך האָט איהר ערקלערט זייער ווערטה.

---

ווענען דעם ערשטען אבן־טוב האָט ער אזוי געזאָגט:

— דאָס איז א פינ־טערער, שוואַרצער טרויער. דאָס איז דער צער פון גערריקטע און שוואַכע... דער טיש איז געגרייט מיט

אַלעם גוטען, אפילו די הינט, וואָס קלויבען אונטער'ן טיש, ווערען דיק און פעט... נור פאַר די שוואַכע איז גאָר נישט דאָ, ניט אויפ'ן טיש און ניט אונטערן טיש. און זיי שטרעקען אוים זייערע האַנד און וויינען, וויינען ביטער און הערצענרייסענדיג... און אַז זייער צער דערגרייכט די העכסטע שטופע ווערען זיי אין כעס און ווילען דעם גאַנצען טיש אומקערען: „ניט מיר, ניט דיר!". ס' איז אַ שרעקליכער צער!...

און וועגען צווייטען שטיין האָט ער אַזוי געזאָגט:

דאָס איז אויך אַ צער! אַ דור געהט אין דער קלעם... די אַלטע לוחות זענען, אַראָב פאַלענדיג אויף דער ערד, צעבראָכען געוואָרען, און קיין נייע לוחות האָט מען נאָך נישט אויסגעהאַקט... דער אייזערנער האַמער האָט אָהן רחמנות אַלע אַלטע גאָטער צעשמעטערט און דעם סקולפטאָר, וואָס זאָל שאַפען נייע גאָטער, זעהט מען נאָך ניט... און דער דור געהט אום, ווי אַ שאָטען און וויים ניט וואהין ער געהט און צו וואָס ער געהט... און יתום'דיג פיהלט ער זיך, ער וויים ניט ווער און וואו איז זיין טאַטע... ער וויים ניט וואָס איז זיין שאָטען און ווער איז זיין שעפער, און אין דער שטיל וויינט ער, ביטער וויינט ער, דער עלענדער דור!.. אַ שרעקליכער צער!

און אויפ'ן דריטען שטיין האָט ער געזאָגט:

— עס איז זעהר איין אַלטער צער, אַ טיעפער, דאָס איז דער וועלט-צער, וועלט שמערץ.

---

און די נשמה האָט געזאָגט:

– ליעבער, גוטער מלאַך! ניט מיט דער הימעל-שפּראַך, נור מיט די ערדען-שפּראַך רעדסטו, און איך בין נאָך דאָרטען ניט געווען... איך וויים ניט וואָס זאָל איך אויסקלויבען, ווייל איך



פערשטעה דיך נאָך ניט... די שטיינער אָבער געפעלען מיר אַללע דריי, זיי זענען אַלע שיין, אַלע לייכטען זיי, — איך וועל זיי אַלע דריי נעמען!

— דאָס קענסט דו אויך, — האָט איהם דער מלאַך געענטפערט — אויב אַזוי אָבער, מוזט דו נעמען נאָך אַ פערטען שטיין, גאָר אָהן דיין וויסען און אָהן דיין ווילען...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיין, דער פערטער?...

— אַ קליין-שטיינדעל; נור אָפטמאָל איז עס זעהר, זעהר שווער. דאָס איז דער טרויער, וואָס איז אָבגעזונדערט פון אַלע קלאַסען, דער צער, וואָס איז שווער צו בעגרייפען...

— ווען דו זאָלסט מיר פאָלגען — האָט דער מלאַך צוגעלעגט — וואָלסט דו גענומען נאָר איין שטיין!

נור די נשמה האָט ניט געפאָלגט דעם מלאַך, און זי האָט גענומען אַלע פיער אבנים-טובות, און זי איז אַראָב אויף דער ערד, צו זיין די נשמה פון אַ יודישען דיכטער...

# י. ל. פּרצעס ערשטע דערציילונג

## די נקמה פון י. ל. פּרץ

### איבערגעזעצט פון אלחנן אינדעלמאַן

מיר דרוקן פּרצעס ערשטע דערציילונג אין אַ יידישער איבערזעצונג פונעם העברעאישן אָריגינאַל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, מיט אַן אַריינפיר און ראַנד־באַמערקונגען, פון יהודה אַריה קלאַוזנער אין דעם ביבליאָגראַפישן פערטליאָר־שריפט „קרית־ספר", באַנד 40, העפט 3, סיון, תשכ"ה. אין דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס פּרץ האָט געשריבן אַרום 1875־1876, פילט זיך די השכלישע טענדענציעזקייט פון יענער צייט. עס פילן זיך די ערשטע טריט פון דעם קומענדיקן מייסטער פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. די הערות זיינען געמאַכט לויט י. א. קלאַוזנערס ראַנד־באַמערקונגען.

**דער איבערזעצער**

א.

אַפילו אויף „ניי וועלט"[1] און אויף אַנדערע גאַסן אין וואַרשע, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער עלעגאַנץ, קאָן מען זען אָרעמקייט און נויט. אָבער דאָ וועקן די אָרעמקייט און נויט פולשטענדיקן רעספּעקט: זיי זענען פאַרשטעלט אין שיינע קליידער און ס'איז ניט לייכט צו דערקענען אַז די צירונג איז פון הוילן קופער. טיילמאָל איז זייער טיש רייך באַדעקט. די **אָרעמקייט און** נויט, וואָס וואוינען אין פּרעכטיקע הייזער, טרינקען ווייַן כדי צו פאַרגעסן די צרות, שטיקן זיך מיט זיידענע שנירלעך, און מיט געבראָטנס און טייערע מאַכלים פאַרדאַרבן זיי אַ בוים. אויך די זינד און זנות קאָן מען ניט לייכט דערקענען. זיי פאַרשטעלן זיך און שפּאַצירן אומגעשטערט אויף די גאַסן. זיי זעען אויס ווי די טעכטער פון דער אַריסטאָקראַטיע. די זנות און זינד רעדן דאָ אַפילו ענגליש און פראַנצויזיש.

---

ווי מאָדנע זיינען אונדזערע מזלות!

מיט זעכציק יאָר צוריק האָט יעקב פּאַט געעפנט די ערשטע י. ל. פּרץ־שול אין ביאַליסטאָק. ער איז דאַן געווען בלויז מיט אַ צענדליק יאָר עלטער פון רייזלען און זלמנען. אויך ער האָט מסתמא פונקט ווי זיי — ניט געוואוסט וועגן דער גרויסער שווייצאַרישער פּעדאַגאָגין מאָנטעסאָרי! און איר מעטאָד פון גרינדן קינדערגאָרטנס. אָבער ניט וויסנדיק דערפון האָט ער אַליין אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג צו לערנען מיט די קינדער דורך אַרבעט, קונסט, געזאַנג און שפּיל. מיט זעכציק יאָר שפּעטער גייען רייזל און זלמן אויפן זעלבן וועג!

און נאָך עפּעס:

...די צייטונג איז היינט פול וועגן דעם אַרעסט פון האַנס שטענגל, דער מערדער פון טרעבלינקע. מיט 25 יאָר צוריק האָט זיך דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט „טרעבלינקע" דערהערט אין וואַרשע. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די „דעפּאָרטאַציעס", דער גאַנג צום „אומשלאַג־פּלאַץ". אַהין זענען אַוועק פעלע הערצליך־בליטס שילערינס. אויך זלמנס פעטערס און מומעס זיינען אַהין אַוועק.

האָט פעלע געקענט חלומען אין יענע טראַגישע טעג, אַז אין אַ פערטל יאָרהונדערט אַרום וועט איר אייניקל אָנהייבן דאָרטן, וואו זי האָט פאַרענדיקט — אויפבויען אַ נייעם אַנשטאַלט פאַר יידישער קינדער־דערציאונג?

***

ניט פריילעך ווערט אויף דער נשמה ווען מיר ווענדן זיך „מיטן פּנים צו אַמעריקע", צו אונדזער יידישער אַמעריקע. אין אַזאַ מאָמענט איז גוט אָנצווייזן אויף רייזלען און זלמנען, די „דיווידענדן" פון אונדזער „קאַפּיטאַל" פון מי און אַרבעט, פון ליבשאַפט און געטריישאַפט צו אונדזער פאָלק און זיינע קינדער.





אָרעמקייט, נויט, זינד און זנות זענען דאָ אומעטום; אָבער דאָ, אויפן בוגאַי[2] — די שלאַנג, וועלכע נעמט אַרום האַלב וואַרשע, וואָס הייבט זיך אָן מיט „די שטיינערנע טרעפּ"[3] און פון דאָרט לאָזט זי זיך אַרונטער צו דער ווייסל[4] — דאָ, אין די טיפענישן, זענען די אָרעמקייט און נויט אַנטבלויזט, פולשטענדיק נאַקעט. די אָרעמע וואוינונג באַשטייט פון איין ענגן צימער, וועמענס ווענט האַלטן ביים איינפאַלן יעדע רגע. דער דאַך איז ווי אַ שאַטקע און דורכן שמאָלן פענצטער קומט ניט אַריין קיין זון־שטראַל אַפילו מיטאָג־צייט. די נויט איז פאַרהונגערט און אויף איר פּנים איז אויסגעגאָסן אַ געלקייט, אירע אויגן זענען צערונען אין די לעכער און יעדער איינער קאָן זען אַז דאָס איז נויט און הונגער.

אויך די זינד און די זנות וואַלגערן זיך אין די גאַסן און צעשפּרייטן זייערע פיס פאַר יעדן דורכגייער. ווען נאַפּאָלעאָן גייט אַרויס פון קבר צו באַפעלן זיינע חיילות, ווי עס דערציילט אונדז אָדער ווי עס דיכטעט צעדליץ,[5] אָדער ווען לילית און סמאל גייען אַרויס מיט זייערע מחבלים זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט דער וועלט, ווי עס האָט מיין גאָווערנאַנטקע געזען מיט אירע אייגענע אויגן, דעמאָלט פאַנגען די טעכטער פון זנות נשמות פאַר ברעקלעך ברויט און אַ גלאָז ביר. די נאַכט איז אָבער נאָך ניט געקומען. די פלעדערמייז, ניט צוליב שרעק פאַר זון־ליכט נאָר צוליב דעם גלאַנץ פון הוט אויפן פּאָליציאַנטס קאָפּ, בלייבן פאַרשטעקט אין זייערע לעכער און קוקן טיילמאָל אַרויס דורך די שפּאַרעס, דורך די לעכער פון שלאָס, אָדער וואַרטן באַהאַלטענערהייט הינטערן טויער. ניטאָ קיין איינציק הויז, וואו דו קאָנסט ניט באַמערקן אויגן אין טויער, אַחוץ דעם קליינעם הייזל, וועמענס אויגן זענען אין קאָפּ — צוויי פענצטער אויפן דאַך. פון פענצטער קוקט אַרויס אַ מיידל, אַ יונגע מיידל מיט שיינע אויגן.

— זי וואוינט דאָ?

— יאָ, טייערער לעזער, זי וואוינט דאָ.

— אַליין? אָדער האָט זי אַ פאָטער און מוטער?

— קיין פאָטער האָט זי ניט.

— און איר מוטער?

— די מוטער האָט געפונען אַן אַנדער מאַן, אָבער די מיידל, די יתומה, האָט קיין אַנדער פאָטער ניט געפונען. שלעכט און ביטער איז איר גורל, ווייל איר מוטער לייגט אויף איר קיין אַכט ניט; זי האָט קינדער פון צווייטן מאַן.

— זי וועט דאָ קיין איין מינוט ניט פאַרבלייבן נאָך איר חתונה — האָבן זיי באַשלאָסן וועגן מרימן (דאָס איז דער מיידלס נאָמען) — זי וועט אונדז אויפעסן מיטן גאַנצן מויל! — און זיי קוקן אויס אומגעדולדיק אויפן טאָג פון אַזאַ גאולה...

— און מרים?

זי קוקט איצט אַרויס דורכן פענצטער און זוכט מיט די אויגן איר חתן. זע די רויטקייט פון איר פּנים און די צוויי שטערן אין איר קאָפּ! זי איז מלא שמחה ווייל דער זייגער האָט געקלונגען אַכט, די שעה, ווען די קראָמען פאַרמאַכן זיך און איר פריינד,

— גיב מיר ניט קיין פאַלשע האָפענונג — האָט זי אויסגערופן אין כעס — איך וועל ניט לעבן טראָץ אַלע דיינע רפואות. לאָז מיך שטאַרבן ווי די יעניקע, וועלכע האָבן ביי אייך ניט גושא חן געווען. נאָר לאָז מיך אַרויס אין דרויסן איידער איך שטאַרב און איך וועל נעמען נקמה!

— איך קאָן ניט — האָט דער דאָקטער געענטפערט — ווער עס וועט דיך אָנרירן וועט שטאַרבן...

— איאָ ? — האָט די קראַנקע פּלוצעם אויסגעשריען מיט פרייד, — רוקט זיך אָפּ, איך זאָל דיך ניט אָנרירן!

דער דאָקטאָר איז אַנטלאָפן אין שרעק. — זי איז משוגע געוואָרן — האָט ער געזאָגט צו זיין פריינד.

— איך וועל זיך נוקם זיין, נוקם זיין! — האָט זי אים נאָכגעשריען האָפערדיק. — אַ דאַנק דיר, טייערער דאָקטאָר.

ווען די נאַכט איז אַריבער האָט מען געפונען די טירן פון שפּיטאָל אָפן און איין בעט איז געווען ליידיק.

ז.

ביים טויער פון קראַשינסקיס גאָרטן איז געשטאַנען לוי דער שומר. — אַמנון איז געשטאָרבן — האָט ער גערעדט צו זיך מיט כעס — ער איז זיך אַליין שולדיק געווען. און איך קאָן זיך פון דאַנען ניט רירן צו גיין מנחם אָבל זיין די אַלמנה... טאָמער קומט ווידער אַ צווייטער פאַר מיר. איך קאָן מער ניט פאַרטראָגן ; די רגעס זענען שעהן און די שעהן — טעג. וואָלט כאָטש איינע פון די וועכטערינס פון וויינגאָרטן געקומען מיך אונטערהאַלטן... ליידער זעט מען קיין איינע ניט... איז היינט שבת שובה? נאָר ווער איז דאָרטן? מרים! איך שווער, ס׳איז מרים! גוט! זי איז שוין אַרויס פון שפּיטאָל. ווער וואָלט דאָס געגלויבט?!

— געלויבט איז דער, וואָס היילט די קראַנקע — האָט ער געזאָגט צו איר, ווען זי איז צוגעקומען נענטער צום גאָרטן.

— איצטער וועסטו מיך לאָזן אַריינקומען אין גאָרטן? — האָט זי אים געפרעגט מיט ביטערן שפּאָט און ער האָט געמיינט אַז זי זאָגט דאָס אין אַ געלעכטער.

— מיט פאַרגעניגן — האָט לוי געענטפערט — איך וועל דיך אָבער ניט לאָזן אַוועקגיין פון דאַנען ביז דו וועסט מיר מוחל זיין אַלע מיינע חטאים! — און ער האָט איר אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— וואָס פאַר אַ זינד ביזטו באַגאַנגען לגבי מיר? — האָט מרים געפרעגט. — האָסט מיך פאַרראַטן, אָבער ווען איך וואָלט געווען דיין ווייב, וואָלט איך געווען געקליידט אין שמאַטעס און ניט געהאַט גענוג ברויט צום עסן. און ווען דו וואָלסט מיך אַריינגעלאָזט אין גאָרטן, וואָלט איך ניט געחלשט און איך וואָלט ניט געקומען אין חוהס הויז — און איצטער וואָלט איך אויסגעגאַנגען פון הונגער... מרימס שטים האָט געציטערט ווען זי האָט גערעדט, און איר רעכטע האַנט, וואָס לוי האָט געהאַלטן, האָט שטאַרק געציטערט.

— זי האָט מיך נאָך ליב — האָט לוי געטראַכט אין האַרצן און עס האָבן זיך ביי אים געוועקט חרטה־געפילן. אָבער אויגנבליקלעך האָט זיך זיין שטימונג געענדערט: קוש מיך — האָט ער געזאָגט — צו באַווייזן אַז דו ביסט מיר מוחל. — זייערע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אין פייער ווי די ליפּן פון חתן כלה. ווידעראַמאָל האָט לוי געפילט חרטה, אָבער די תאווה האָט זיך ביי אים צעפלאַקערט און ער האָט געזאָגט: וועסט גיין מיט מיר היינט ביינאַכט?

— ווען גייסטו אַהיים? — האָט זי געפרעגט ציטערנדיק.

— איין רגע, ס׳איז דאָך שוין צען אַזייגער...

— זייער גוט...

פינף וואָכן זענען אַריבער און פון שפּיטאָל פאַר די קינדער פון תאווה האָט מען אַרויסגעפירט צוויי קאָסטנס מיט טויטע צום באַגראָבן אויפן בית־עולם, הינטערן פּלויט. אין איין אָרון זענען געווען לויס ביינער, אין דעם צווייטן — מרימס ביינער. דאַכט זיך, אַז אַפילו די ווערים וועלן זיי ניט אָנרירן.

מאַי, 1967

---

1. איינע פון וואַרשעס הויפּט־גאַסן.
2. אַ גאַס אין דעם אָרעמען קוואַרטאַל פון וואַרשע.
3. אַ געסל אין וואַרשע.
4. אַ טייך.
5. Joseph Christian Freiherr Von Zedlitz (1790—1862), "Die Nachtliche Heerschan" in "Gedichte", Stuttgart und Tubingen, 1832, p. 16—18.
6. Eugene Sue און Paul de Kock צוויי פראַנצויזישע שרייבער, וועמענס ראָמאַנען זענען געווען שטאַרק פּאָפּולער אין יענער צייט.
7. Alexander Von Humboldt (1859—1769) — אַ באַוואוסטער דייטשער נאַטור־פאָרשער.
8. אַזוי האָט מען אָפּטמאָל גערופן די שפּיטאָלן פאַר ווענעריש קראַנקע (אויפן נאָמען פון לעזר, וועלכער איז, לויטן נייעם טעסטאַמענט, געווען פול מיט בלאָטערן ; אין ענגליש : Lazaret).

exch